# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn


### Title
Lider/ Poems


### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/00d8b99r



### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 95(1)



### Author
Lev Wasserman, Leyb Vaserman/



### Publication Date
1980



### Copyright Information
Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לייב וואַסערמאַן / ניו־יאָרק

# לידער

## 1. איך בין אָנגעלענט

איך בין אָנגעלענט
אויף אַ שאָטן,
וואָס איך זע אים ניט.
פון דאָרט
קוק איך אויף אַ טרוים,
וואָס איז ווייט
דורך אַ סך פאַרויסזעעבישן.
אויף אַ לשון,
וואָס איז נאָך הויל
ווי אַ נעפּל.
און דערווייל
בין איך נאָר
אין באַשעפעניש
אין דער שפּירזאַמער
לידיקייט.
איינער
אין דער איינזאַמער
זעעוודיקייט.

## 2. פענצטער

די פענצטער און די לידער
זיינען אין מיין שטוב
שטענדיק צוזאַמען,
פאַראַן זעאונגען,
וואָס אָן די פענצטער
וואָלטן זיי ניט געווען.
זיי ווייזן זיך
אויפן גלאָז,
און ערשט דערנאָך,
אין מיינע אותיות.
זיי האָבן נישט
קיין אַנדער אַריינגאַנג
אין דער וואָר,
חוץ די פענצטער.

## 3. ס'איז שטיל

ס'איז שטיל,
און קיינער ווייסט ניט
אַז מען דאַרף
איצט זאָגן עפּעס.
דערפאַר שטיי איך דאָ
איינער אַליין,
און זאָג עפּעס,
ווי ס'וואָלט אין ערגעץ
ניט געווען קיין וועלט.

## 4. דער שטראָלבאַרער זוים

דער שטראָלבאַרער זוים
אַרום מיין וועזן
הייבט שוין אָן אונטערגיין.
אַוועק איז שוין די יינגשאַפט
פון די פאַרבן.
דער פולער סכום,
וואָס האָט ניט געדאַרפט
קיין דערינערונגען.
עס פעלן מיר
די אומעטיקע אַרומשלעפענישן
איבער זיך אַליין.
די דינקייט,
וואָס האָט מיך תמיד
אויפגעשטעלט
ליכטיק.
די רעטונג,
וואָס האָט געבליט
מיט אומעט.
די קלאָרקייט,
וואָס איך האָב געשליפן
אויף מיין ענגן טיש.